# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בהר - בחוקותי

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA)
Wholesale@BeerEmunah.com

*באקומט די גליונות וועכנטלעך אין אייער אימעיל בחינם*

## זיך איינצושרייבן

*לשה"ק*
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

*אידיש*
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

*אנגליש*
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

*היספאניש*
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

*פראנצויזיש*
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

*איטאליעניש*
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

*רוסיש*
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**באר"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת בהר

אל תקח מאתו - זיך פאַרזיכערן אויפ'ן באַשעפער, נישט אויף די השתדלות ....... ד
וכי תאמרו - אַלעמאָל מתפלל זיין צום באַשעפער פון האַרצן, אפילו אויף די גאַס . . יז

**ספה"ק בת עין**

... **וְנוּכַל לוֹמַר עַל זֶה הָאוֹפֶן** און אונז קענען זאגן א נייע פשט אין פסוק אויף די אופן, **דְּהִנֵּה הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ הוּא סָתוּם וְגַלְיָא** אונז ווייסן אז דער באשעפער האט אין זיך די צוויי פארקערטע בחינות פון זיין באהאלטן (סָתוּם) און זיין אנפלעקט (גַלְיָא). **פֵּירוּשׁ מַהוּתוֹ וְעַצְמוּתוֹ הוּא סָתִים וְנֶעֱלָם מֵעֵין כָּל חָי** דאס מיינט אז דעם באשעפער'ס אנוועזנהייט און עקסטיזענץ אין די וועלט איז באהאלטן און פארהוילן פון א יעדע מענטשליכע אויג (דאס מיינט מען קען עס נישט זעהן מיט פליישיגע אויגן), **שֶׁהוּא סְתִימָא דְּכָל סְתִימִין** וואס דער באשעפר איז דער באהאלטעניש פון אלע באהעטענישן, **לֵית מַחֲשָׁבָה תְּפִיסָא בֵּיהּ כְּלָל וּכְלָל** ס'איז נישט דא א מחשבה וואס קען עס אפילו בכלל עס דערגרייכען און פארשטיין, **שֶׁאֲפִילּוּ מַלְאָכִים הַקְּדוֹשִׁים שׁוֹאֲלִים זֶה לָזֶה 'אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ'** וואס אפילו די הייליגע מַלְאָכִים פרעגן איינער דעם צווייטן: 'ווי איז די פלאץ פון דעם באשעפער'ס כבוד און רוהינג'.

**וְהוּא יִתְבָּרֵךְ נִגְלָה עַל יְדֵי פְּעוּלוֹתָיו** און דער באשעפער ווערט אנטפלעקט דורך זיינע טוהענגען, **שֶׁעוֹשֶׂה וּמְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית** וואס דער באשעפער טוט און באנייט יעדן טאג די מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, **וּמַנְהִיג וּמַשְׁגִּיחַ בִּפְרָטֵי פְּרָטִים** און ער פירט און גיב אכטונג אין די וועלט מיט אלע איינצעלהייטן (בִּפְרָטֵי פְּרָטִים).

**וְצָרִיךְ הָאָדָם לְקַשֵּׁר וּלְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בִּשְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל** און א מענטש דארף זיך פארבינדען און זיך באהעפטן מיט די צוויי אויבענדערמאנטע בחינות. **הַיְינוּ לְהַאֲמִין שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ מַהוּתוֹ וְעַצְמוּתוֹ הוּא סָתִים וְנֶעֱלָם מֵעֵין כָּל חָי** דאס מיינט אז דער מענטש דארף גלייבן אז דאס זיך געפינען און די עקסטיזענץ פונעם באשעפער איז באהאלטן און פארהוילן פון א יעדע מענטשליכע אויג (סָתוּם). **וּלְהַאֲמִין שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ הוּא מַנְהִיג אֶת הָעוֹלָם** און צו גלייבן אז דער באשעפער פירט די גאנצע וועלט, **וּמַשְׁגִּיחַ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיִּים** און ער גיבט אכטונג אויף אלע איינצעלהייטן (פְּרָטֵי פְּרָטִיִּים) **שֶׁהוּא בְּחִינַת אִיתְגַּלְיָא** וואס דאס מיינט די בחינה פון אִיתְגַּלְיָא – אז דער באשעפער איז אנטפלעקט דורך די אלע פעולות אויף די וועלט (גַלְיָא).

... **עַל כֵּן אֵין לָאָדָם לְמַהֵר לָרוּץ לְהַשִּׂיג תַּאֲוֹות עוֹלָם הַזֶּה** און דערפאר דארף זיך נישט א מענטש יאגן און נאכלויפן צו דערגרייכן די גלוסטענישן פון די וועלט, **שֶׁאֵין שׁוּם דָּבָר נַעֲשֶׂה בִּלְתִּי הַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרֵךְ** ווייל קיין שום זאך געשעהט נישט אן דעם באשעפער'ס ווילן און אכטונג געבן (הַשְׁגָּחָה). **יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה. וּבִזְכוּת זֶה וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

**(פרשת במדבר ד"ה ואכלתם ישן נושן)**

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# בהר - בחוקותי

**אל תקח מאתו - זיך פאַרזיכערן אויפ'ן באַשעפער, נישט אויף די השתדלות**

**מיר** לערנען אין דער היינטיגער פרשה, וועגן דעם לאו פון נעמען ריבית (כה, לו) 'אל תקח מאתו נשך ותרבית ויראת מאלקיך'.

**זאָגט** דער 'כלי יקר', אַ טעם פאַרוואָס די תורה האָט גע'אסר'ט צו נעמען ריבית. מיט וואָס איז דאָס אַנדערש ווי אַנדערע געלט-האַנדלונגען וואָס די תורה האָט נישט גע'אסר'ט?

**זאָגט** דער 'כלי יקר', אַז דער הויפט-טעם פאַר דעם איסור פון ריבית איז ווייל עס נעמט אַוועק די מידה פון בטחון. נורמאַל, ווען א מענטש גייט האַנדלען, הייבט אויף זיינע אויגן און שעפּשט א תפילה צום באַשעפער, ווייל ער ווייסט דאָך נישט אויב ער וועט פאַרדינען געלט אָדער נישט, אָבער ווען אַ מענטש באָרגט געלט פאַר אַ צווייטן אויף ריבית, האָט ער דאָך אַ פאַרזיכערטן און באַשטימטן פאַרדינסט, ער פאַרלאָזט זיך אויף די געלט וואָס ער וועט צוריקבאַקומען פאַר די הלוואה, און ער פאַרגעסט פון דעם אויבערשטן.

**און** כאָטש ביי דעם לוה איז נישט שייך דער דאָזיגער טעם, איז ער אויך עובר אויף אַ לאו, ווייל ער מאַכט זינדיגן דעם מלוה, און ער מאַכט קאַליע זיין מדה פון בטחון, ווי ס'איז באַקאַנט אז די מענטשן וואָס באָרגן געלט אויף ריבית, אַז רוב פון זיי האָבן ווייניג אמונה און בטחון אין באַשעפער.

**און** דאָס וואָס מ'מעג יאָ נעמען ריבית פון אַ גוי, איז דערפאַר ווייל דער גוי האָט דאָך אַ חזקה אַז ער איז אַ 'גבר אלים' און אַ גזלן, און אַפילו אויב ער איז אונטערטעניג צו דיר, פונדעסטוועגן וועט ער אַליין געפינען אַ וועג נישט צו באַצאָלן דעם חוב, און מ'קען קיינמאָל נישט זיין זיכער, נישט מיט'ן קרן, און נישט מיט'ן ריווח. ממילא אפילו אויב מ'בארגט געלט פאַר'ן גוי, טוט מען נאָך אַליין האָפן צו דעם אויבערשטען ער זאָל היטן און ראַטעווען פון דעם גוי.

**דער** 'כלי יקר' פירט-אויס, אַז צוליב דעם איז דער לאו פון נעמען ריבית געשטעלט געוואָרן נעבן די פרשה פון שמיטה, ווייל אויך דער טעם פאַרוואָס מ'טאָר נישט אַרבעטן אין יאָר פון שמיטה,

איז כדי מיר זאלן זיך פארזיכערן אויפ'ן באשעפער.

פון דעם לערנען מיר, אז באטש דער מענטש איז מחויב צו טוהן השתדלות[א] פאר זיין פרנסה[ב], האט די תורה נישט מתיר געווען אזא השתדלות נאר אויף אן אופן וואו ער שפירט אז דאס איז נאר סתם א השתדלות. דאס הייסט, ווען דער מענטש ווייסט אז אויך

**א.** הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע (יומא דהילולא, כ"ו אייר) האט נאך זיין חתונה (אין עלטער פון 14 יאר) געגעסן קעסט ביי זיין טאטן, הרה"ק רבי מרדכי'לע זוועהילער זי"ע.

יעדן טאג פלעגט די רביצין פון הרה"ק רבי שלמה'קע באקומען א באשטימטן סכום געלט פאר איר מיט איר הייליגן מאן צו לעבן. איין טאג האט הרה"ק רבי שלומק'ע געטראכט ביי זיך, א איד דארף דאך גלייבן אין באשעפער אז ער שפייזט די גאנצע וועלט. אויב אזוי, איז דאך אויך נישט ראוי צו זיצן און עסן קעסט ביים טאטן. האט ער דעריבער ביי זיך אפגעמאכט, אז פון יעצט און ווייטער וועט ער מער נישט נעמען געלט פונעם טאטן. דער אויבערשטער וועט אים שוין צושיקן פרנסה מידו הטובה הרחבה והמלאה. און הרה"ק רבי שלמה'קע האט דעריבער געזאגט פאר זיין רעביצין, אז פון היינט און ווייטער זאל זי מער נישט גיין נעמען דאס געלט.

עטליכע טעג שפעטער, ווען ס'איז נישט געווען אין הויז וואס צו עסן, האט הרה"ק רבי שלמה'קע געטראכט ביי זיך, אז אפשר טוט ער פארט נישט ריכטיג מיט דעם וואס ער נעמט נישט פון זיין טאטן דאס געלט, ווייל אויך דאס וואס ער באקומט פון זיין טאטן איז דאך נישט פונעם טאטן, נאר דער אויבערשטער האט עס באשטימט, און אויב דער אויבערשטער איז דער וואס באשטימט פאר יעדן איינעם זיין פרנסה, האט ער (רבי שלמה'קע), נישט קיין רעכט זיך 'אריינצומישן' אין דעם אויבערשטנ'ס 'געשעפטן', און צו באשליסן פון וועמען צו נעמען געלט. ממילא, האט ער מעגליך נישט קיין היתר זיך צוריקצוהאלטן פון נעמען דאס געלט. איז ער צוריקגעגאנגען צו די רעבעצין און איר געזאגט אז זי זאל יא ווייטער אנהייבן גיין צו זיין טאטן יעדן טאג און נעמען דאס געלט צו קויפן צו עסן.

ווען די רעבעצין איז אריינגעקומען צו איר שווער הרה"ק רבי מרדכי'לע זוועהילער, האט ער איר געזאגט:

- איך זע דאך אז דו ביזט נישט געקומען אהער א גאנצע וואך, וועל איך דיר יעצט געבן פאר דער גאנצער וואך - א גאנצן רובל...

פונקט אין יענע מינוט זענען געקומען צוויי פארמעגליכע חסידים צו זייער רבי'ן הרה"ק רבי מרדכי'לע זי"ע, און ארויסקומענדיג פון רבינ'ס צימער, זענען זיי אויך

אַריינגעגאַנגען צו זיין זון, הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, וועלכער האָט ערשט חתונה געהאַט, און האָבן פאַרפירט מיט אים אַ שמועס איבער פאַרשידענע זאַכן. צווישן אַנדערן, האָבן זיי אים אויך געוואונטשן מזל טוב צו זיין חתונה.

שמועסנדיג אַזוי, האָט איינער פון זיי אַרויסגענומען פון טאַש אַ זילבערנעם רובל. האָט הרה"ק רבי שלמה'קע פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אים מסתמא געבן 'דרשה געשאַנק' לכבוד זיין חתונה. למעשה, אָבער, במשך דעם גאַנצן שמועס האָט יענער אַריבערגעפירט דעם רובל פון איין האַנט צו דער אַנדערער האַנט, און ווען ער האָט זיך שוין אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, האָט ער 'פאַרגעסן', און צוריקגעלייגט דעם רובל אין טאש ... דאַן האָבן זיי זיך וואַרים געזעגנט פון רבי שלמה'קע. אינצווישן איז די רעביצין צוריקגעקומען פון איר שווער'ס הויז מיט'ן רובל אין האַנט...

ווען הרה"ק רבי שלמה'קע האָט דערציילט די מעשה, האָט ער געזאגט, אַז מ'האט אים געוואָלט ווייזן פון הימל, אָט זעסטו, דער רובל איז געווען גרייט פאַר דיר פון הימל. אויב דו וואָלסט נישט געשיקט די רביצין, וואלסטו באַקומען דעם רובל פון דעם חסיד וואָס איז געזעסן ביי דיר, אָן אַ השתדלות פון דיין זייט. ער האָט דאָך שוין אַפילו אַרויסגענומען דעם רובל און געהאַלטן אין האַנט דיר עס צו געבן... אָבער אין דער סעקונדע וואָס די רעביצין האָט באַקומען אַ רובל פון דיין טאַטן, איז דער רובל באַלד צוריק צוריקגעגאנגען צום חסיד אין טאַש.

און כאָטש נישט יעדער איינער שטייט אויף אַזאַ הויכע מדריגה ווי הרה"ק רבי שלמה'קע, נישט צו נעמען געלט פון איינעם וואָס וויל עס אונז געבן, אָבער מיר דאַרפן **כאָטש פרובירן** איינצואוואָרצלען אין האַרץ די אמונה, אַז **אַלעס וואָס מיר באַקומען פון דעם און פון יענעם קומט נישט פון זיי, נאָר פון דעם אויבערשטען.** די אַלע 'געבערס' זענען נאָר סתם שליחים, און ממילא, פעלט נישט אויס זיך צו 'חנפ'ענען' צו זיי... נאָר צו בעטן די פרנסה פון באַשעפער.

**דער עיקר איז צו געדענקען, אז ווען איינער הערט-אויף דיר צו געבן אַ רובל, זאָלסטו זיך נישט באַקלאָגן דערויף**, ווייל נישט יענער גיט און נישט יענער נעמט, נאָר דער אויבערשטער אַליין איז דער וואָס האָט געגעבן און וואָס האָט צוריקגענומען. דו האָסט נישט וואָס צו האָבן טענות אויף דיין חבר, און זיך זאָרגן כסדר וועגן פרנסה.

ס'איז באַקאנט אז אַ איד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע וועגן אַ צווייטן וואָס מאַכט אים קאַליע די פרנסה, ווייל ער האָט געעפנט אַ געשעפט ענליך צו זיינעם, ממש האַרט נעבן זיין געשעפט, און אַזוי נעמט ער אַוועק טייל פון זיינע קונים.

שמועסנדיג אַזוי מיט הרה"ק רבי שלמה'קע, האָט דער איד דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט וועגן איינעם פון די צדיקים פון די תלמידי בעל שם, וואָס

האָט אמאל אַראָפּגעשניטן פון טיש אַ שטיקל האַלץ, און ער האָט עס איינגעטינקען אין וואַסער, און שפּעטער איז געוואַקסן דערפון גוטע און שיינע פרוכט. האט הרה"ק רבי שלמה'קע געזאָגט צו דעם איד:

- יעדער איד איז דאָך מחויב צו גלייבן אין דעם באַשעפער, נאָר וואָס דען, עס זענען דא פאַרשידענע דרגות אין דער אמונה. עס זענען דאָ זאַכן וואָס אויב מ'גלייבט נישט אין זיי באמונה שלימה, איז מען אַן אפיקורס. פון דער אַנדערער זייט, זענען דאָ זאַכן וואָס דער מענטש מעג גלייבן דערין, אָבער אויב ער גלייבט נישט אין דעם, איז ער נאָך נישט אין גדר פון אַן אפיקורס. ממילא, דאָס וואָס דו האָסט פריער געזאָגט אַז יענער האָט געעפענט אַ געשעפט לעבן דיין געשעפט און ער נעמט אַוועק קונים פון דיר, אזעלכע ווערטער זענען אין גדר פון אַפּיקורסות, **ווייל אַ איד דאַרף דאָך גלייבן אַז זיין פרנסה איז באַשטימט פון ראש השנה**, ווי די גמרא זאָגט (ביצה טז.) 'כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה'. ס'איז נישט מעגליך אַז יענער זאָל צונעמען אָדער פאַרמינערן פון זיין פרנסה וואָס ס'איז באַשטימט געוואָרן פאַר אים אין ראש השנה. זיין **פרנסה קומט נישט פון די קונים**, נאָר פון דעם גרויסן באַשעפער - דער 'א-ל עליון קונה שמים וארץ'.

- ווייטער וועגן די מעשה וואָס דו האָסט דערציילט וועגן דעם צדיק אַז ער האָט אַרויסגענומען פירות פון אַ טרוקן שטיקל האַלץ, איז מעגליך אַז ס'איז ריכטיג, אָבער ס'איז אויך מעגליך אַז נישט. ס'איז אָבער קלאָר אַז דער וואָס גלייבט נישט אין דעם איז נאָך נישט אין גדר פון אפיקורסות (נאָר מ'דאַרף גלייבן אַז ס'איז מעגליך אַז ס'איז געווען אַזאַ מופת).

און הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע האָט אויסגעפירט זיינע ווערטער צו דעם איד:

- דו האסט דאָ 'איבערגעדרייט די יוצרות'. די מעשה וועגן דעם צדיק גלייבסטו אָן ספיקות, און דו דערציילסט עס מיר 'בדחילו ורחימו', כאָטש דו ביזט נישט אַזוי ווייט מחויב צו גלייבן דערין. פון דער אַנדערער זייט, זאָגסטו אָבער אַז יענער האָט צוגענומען דיין פרנסה. אַזאַ טענה איז דאָך קעגן דער ריינער אמונה, וואָס יעדער איד איז מחויב צו גלייבן אַז אַלעס איז פון הימל, און אַלעס איז מיט די השגחה פרטית פון באַשעפער, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (ירמיה ז, כח) 'אבדה האמונה נכרתה מפיהם'.

דער מגיד מישרים הרה"ג רבי שמעון שפּיצער שליט"א דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ איד אַ סוחר וואָס פאַרקויפט פאַרשידענע חפצים. אין די וועלט פון 'ביזנעס' איז די סדר אַז עס קומען זיך צוזאַמען אַסאַך סוחרים, אין אַמעריקע ווערט עס אָנגערופן 'עקספּאָ' (אַזוי ווי דער אַלט-באַקאַנטער 'יריד' וואָס איז געווען איינגעפירט אין כמעט יעדער אידישער שטאָט אין אייראָפּע), און יעדער סוחר

שטעלט אַוועק זיין סחורה אויף אַ ספּעציעלן 'סטענד', און מענטשן קומען זען וואָס ער האָט צום פאַרקויפן.

אַלזאָ, דער איד האָט זיך אויך באַשטעלט אַזאַ 'סטענד', און ווען ס'איז געקומען דער טאָג פונעם מאַרק האָט ער דאָרט אַוועקגעשטעלט זיין טישל, און אָנגעהויבן אַרויפלייגן דאָרט זיין סחורה. פּלוצלינג איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן, ווייל ער האָט געזען אַז ממש אַנטקעגן איבער אים איז דאָ אַ 'סטענד' פון מאַגאַזינען מיט אומריינע בילדער רח"ל, און נישט נאָר וואָס מ'טאָר נישט קוקן דערין, נאָר אַ איד אַ ירא שמים טאָר זיך נישט שטעלן אַנטקעגן אַזאַ 'סטענד', אַפילו איין סעקונדע... ער האָט באַלד געוואָלט טוישן דאָס אָרט פון זיין טישל, אָבער לויט ווי ס'איז דאָרט איינגעפירט, קען מען נישט טוישן פלעצער. אַלעס ווערט באַצייטענס צוגעגרייט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. אויך צאָלט מען פאַר'ן 'טישל' אין פאָראויס, אַזוי אַז דער היימישער סוחר האָט נישט געהאַט קין אַנדערע ברירה, נאָר צו פאַרמאַכן זיין 'סטענד' און אַהיימגיין. ער איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן און שווערן נסיון, ווייל ער האָט דאָך אַריינגעלייגט אַסאַך געלט אינעם טישל, און ער איז אַפילו געקומען פון אַ ווייטן אָרט, מיטברענגענדיג מיט זיך אַסאַך אַרבעטער און אַרויסהעלפער. נו, וועט ער דען יעצט נאָך אַזוי פיל טעג און וואָכן פון האָרעוואַניע, אַלעס איבערלאָזן און אַוועקפאָרן...

פון דער אַנדערער זייט, האָט ער זייער גוט געוואוסט אַז ער געפינט זיך דאָ קעגנאיבער אַ שרעקליכע פריצות, און דער נסיון איז גאָר גרויס... פון הימל האָט מען אים אָבער געהאָלפן, און אַריינגעגעבן אין געדאַנק צו טראַכטן, וואָס וואָלט מיין טאַטע געטוהן אין אַזאַ מצב... און ער איז געקומען צו דער מסקנא, אַז זיין טאַטע וואָלט נישט געבליבן דאָ אַפילו איין סעקונדע, נאָר ער וואָלט פאַרמאַכט דעם טיש און אַנטלאָפן אַהיים. האָט ער געטוהן דאָס זעלבע 'הלכה למעשה', ער האָט צוזאַמענגעלייגט דאָס טישל, צוזאַמענגענומען זיינע געקויפטע סחורות און פאַרלאָזט דאָס אָרט. ער האָט געטראַכט ביי זיך, אַ 'כפּרה' דאָס גאַנצע געלט וואָס מ'קען דאָ פאַרדינען, אַנטקעגן דעם ענין פון שמירת העינים.

גייענדיג אַזוי אַרויס פונעם 'עקספּאָ' מיט זיינע פעקלעך און רענצלעך אין האַנט, האָט איין רענצל זיך אָנגעשטויסן אין אַ דורכגייער. דער סוחר האט זיך אַנטשולדיגט פאר יענעם, זאָגנדיג אַז ער האָט נישט געמיינט זיך אָנצושטויסן אין אים. יענער האָט אים אָבער אָפּגעהאַלטן און געפרעגט ווי אהין ער גייט, אַלע מענטשן קומען דאָך יעצט אָן אַהער, און איר פאַרלאָזט דעם 'עקספּאָ'... האָט דער סוחר אים דערציילט אַלעס וואָס האָט מיט אים פּאַסירט דאָ, אַז ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַנטקעגן איבער אַ מקום תועבה רח"ל. איז יענער גאָר שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון זיין ערליכקייט, און ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם טאַש אַ 'ביזנעס

קאַרד', און אים אייגעלאַדן צו קומען צו אים אין אָפיס, ער וויל זיך מיט אים טרעפן, און הערן וואָס ער האָט צו פאַרקויפן, און מיט וואָס ער האַנדלט.

אַ טאָג שפּעטער, האָבןביידע זיך באַגעגענט, און האָבן אויפ'ן אָרט געמאַכט אַ געוויסן 'געשעפט' פאַר גאָר אַ גרויסע סומע געלט (דער סוחר וואָס דערציילט די מעשה, האָט געבעטן נישט באַקאַנט צו מאַכן וועגן וויפיל געלט עס האָט זיך געהאַנדלט. ער איז נאָר געווען גרייט צו זאָגן, אַז מ'רעדט דאָ פון אַ גאָר גרויסן סכום געלט), און אַז ער האָט פאַרדינט דערביי אַסאַך, אַסאַך מער ווי ער וואָלט פאַרדינט ווען ער בלייבט שטיין ביי זיין 'סטענד'...

דאָס דאַרף דינען פאַר אונז אַלס אַ לימוד. ערשטנס, 'אין אדם שומע לי ומפסיד', קיינער האָט נישט שאָדן פון פאָלגן דעם אויבערשטען, און צווייטענס, **דער גאַנצער האַנדל איז דאָך נישט מער ווי אַ השתדלות**, און ממילא איז פשוט און קלאָר, אַז מ'דאַרף נישט טוהן אַ השתדלות קעגן די תורה. אדרבה, **דער וואָס היט זיינע אויגן האָט נישט שאָדן**, און מיר זעען דאָך אַז דער סוחר האָט נישט נאָר נישט געהאַט אַ געלט שאָדן, נאָר ער האָט נאָך פאַרדינט אויף אַ פילפאַכיגן אופן (און אויך אויב עמיצער זעט נישט באַלד דעם פאַרדינסט דערפון, **וועט ער עס צום סוף זען**, ווייל אַזוי איז דער אמת).

**ב.** די גמרא זאָגט (ב"מ עא.) וועגן די מענטשן וואָס בארגן געלט אויף ריבית, אַז מ'ברענגט עדים און אַ סופר און אַ פאַפּיר און אַ פעדער און טינט, און מ'שרייבט אונטער. מ'שרייבט-אויף, דער מענטש איז אַ 'כופר באלוקי ישראל'... דאָס הייסט, אַז יעדע הלוואה אויף ריבית ווערט געמאַכט (אַזוי ווי יעדע הלוואה בכלל) פארענט פון עדים. דער סופר שרייבט אַ 'שטר הלוואה', און די עדים און דער לוה שרייבן אונטער דעם שטר. קומט אויס אַז זיי שרייבן און חתמ'ענען אַז ער איז אַ 'כופר באלוקי ישראל' ח"ל.

עס ווערט געברענגט אין ספר 'מעשה איש' (ח"א קעח.), אַז מ'האט אַמאָל געפרעגט דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, פאַרוואָס האָבן חז"ל מחמיר געווען ביים איסור פון ריבית, מער ווי ביי אַנדערע איסורים אין דער תורה, אָנצורופן דעם מלוה ברבית אַלס אַ 'כופר בעיקר ישראל'.

האָט דער 'חזון איש' געענטפערט, אַז איינע פון די עיקרים פון אידישקייט איז דאָך אמונה אין באַשעפער, אַז **אַלעס איז באַשערט פון הימל, און עס וועט נישט העלפן אַן איבריגע השתדלות אפילו אויף וויייניגער ווי אַ 'שוה פרוטה'**, און דאָ קומט דער מענטש וואָס באָרגט אויף ריבית און ער רופט אויס קעגן דעם **יסוד** פון אידישקייט, איך גלייב נישט אַז מיין פרנסה וועט מיר קומען בהיתר און מיט אַ השתדלות, איך בין מסכים עובר צו זיין אויף אן איסור דאורייתא כדי צו פאַרגרעסערן מיין פאַרמעגן. דערצו טוט ער נאָך פאַרשטאַרקן זיינע מעשים מיטן עס אויפשרייבן אויף אַ פאַפּיר, און מיטן זיך אונטערשרייבן דערויף, און מיט עדים, איז דאָך נישט דאָ אַ גרעסערער 'כופר בעיקר' ווי ער...

## מן הבאר

דער פלאָצקער גאון זצ"ל זאָגט אין זיין ספר 'מלא העומר', אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה בהר (כה, יד) 'אל תונו איש את אחיו'. זאָגט רש"י, אַז דאָ רעדט דער פסוק וועגן אונאה **פון געלט**. זאָגט דער פלאָצקער גאון, די גמרא זאָגט 'כשם שמזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה, כך חסרונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה'. דאָס מיינט, אַז די גאַנצע קצבה וואָס איז באַשערט פאַרן מענטש ווענדט זיך נאָר אין דעם וואָס איז באַשערט פאַר אים פון הימל. קומט אויס אַז **דער וואָס נארט אויס זיין חבר, 'צווינגט' כביכול דעם באַשעפער גורם צו זיין פאַר אים אַ שאדן פון אַן אַנדער אָרט**, כדי ער זאָל נישט פאַרדינען מיט זיין אָפּנאַרעריי מער ווי ס'איז באַשערט פאַר אים (זע דאָרט אין דער גמרא, די מעשה מיט רבי יוחנן בן זכאי).

און אויף דעם זאָגט דער פסוק '**ויראת מאלקיך**', ווייל מיט דיין אויפפירונג טוסטו 'צווינגען' דעם באַשעפער כביכול זיך צו פירן מיט דיר מיט מידת הדין ח"ו, און צו ברענגען אויף דיר אַ שאדן פון אן אַנדערן אָרט.

ענליך זאָגט דער גאון בעל 'כתב סופר' זצ"ל אויף די ווערטער פון דער משנה (אבות פ"ב, מ"ז) 'מרבה נכסים מרבה דאגה'. אויב ס'איז באשערט פאַר אַ מענטש אַז ער זאָל אַ גאַנץ יאָר פאַרדינען אַ מיליאָן דאָלאַר, אָבער ער האָט זיך איבער-געאַרבעט איבער דער מאָס מיט זיינע עצות און תחבולות צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן, ('מרבה נכסים'), און ער האָט פאַרדינט צוויי מיליאן דאָלאַר, איז דאָך דאָס מער ווי דער סכום וואָס איז פאַר אים באַשטימט געוואָרן, איז מען גוזר אויף אים פון הימל אַסאַך וועגן פון שאָדן, כדי זיין פאַרמעגן זאָל נישט זיין מער ווי דאָס וואָס מ'האָט פאַר אים באַשערט אין ראש השנה, צי דורך געלט שאָדנס אָדער דורך אויסגעבן געלט פאַר רפואות ח"ו. קומט אויס אַז מיט דעם וואָס ער האָט געזוכט צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן מער ווי דאָס וואָס מ'האָט פאַר אים באַשטימט, טוט ער זיך אַליין גורם זיין מער דאגות ח"ו, ווייל פון הימל וועט מען אים צוגעבן דאגות כדי ער זאָל פאַרלירן דאָס געלט וואָס איז אים נישט געקומען לויט'ן דין.

מ'דערציילט על דרך מליצה, איינער האָט גע'גנב'עט פון אַ צווייטן 100 דאָלאַר. אַ טאָג שפּעטער איז דער גנב געגאַנגען אין גאַס, און ער האָט זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן אַ פוס. איז ער געגאַנגען צום דאָקטאָר וועלכער האָט אים באַהאַנדלט, און פאַרלאַנגט 100 דאָלאַר פאַר דער באַהאַנדלונג.

האָט דער גנב געזאָגט מיט זיין נאַרישן שכל, 'אָה, געלויבט דער אויבערשטער, ברוך שעשה לי נס במקום הזה... שטעל זיך פאָר, אויב איך וואָלט נעכטן נישט גע'גנב'עט די הונדערט דאָלאַר, פון וואו וואָלט איך היינט געהאַט געלט צו צאָלן פאַרן דאָקטאָר?'...

דער אמת איז אָבער פאַרקערט. נאָר דערפאַר ווייל ער האָט גע'גנב'עט דאָס געלט, און די פרנסה איז דאָך באַשטימט פאַר דעם מענטש פון ראש השנה. ס'איז נישט מעגליך אַז ער זאָל געניסן פון געלט וואָס איז נישט אָנגעגרייט פאַר אים. וועגן דעם האָט ער צעבראָכן זיין פוס, כדי מ'זאָל אַרויסבאַקומען פון אים דאָס געלט פאַר צרכי רפואה. אויב ער וואָלט זיך אָבער געהיטן נישט צו נעמען עפּעס וואָס איז נישט זיינס, וואָלט ער כאָטש פאַרדינט אַז זיין פוס וואָלט געבליבן גאַנץ...

אַ תלמיד חכם מופלג וואָס איז אַ 'בורר' צו שליכטן סכסוכים צווישן אידן, האָט אַמאָל געדאַרפט שליכטן אַ געלט-סכסוך צווישן צוויי מענטשן. נאָכ'ן הערן די טענות פון ביידע צדדים, האָט ער זיי צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן זיין פסק-בוררות ביז קומענדיגן שבת. פרייטאָג אינדערפרי, צוויי שעה פאַר חצות, האָט ער געענדיגט שרייבן אַ לאַנגע תשובה מיט פאַרשידענע נימוקים, וואו ער ברענגט אַרויס בכתב פאַרוואָס איינער איז זכאי און איינער איז חייב.

דער דאָזיגער תלמיד חכם האַלט אָן אַ שטאַרקע קבלה, נישט צו טוהן אַ מלאכה ערב שבת נאָך חצות. צוליב דעם האָט ער שנעל אַרויסגעשיקט אַ 'פאַקס' צו ביידע צדדים מיט זיין תשובה. למעשה אָבער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין משך פון צוויי שעה אין פאַרשידענע שטערונגען: דא האָט דער 'פאַקס' נומער נישט געאַרבעט... דא האָט זיך צעריסן אַ דראט וואָס טוט עס באַהעפטן, און אַזוי ווייטער. דערווייל איז אָנגעקומען חצות היום, האָט דער תלמיד חכם אַלעס אָפּגעשטעלט און איבערגעלאָזט אויף נאָך שבת, כאָטש למעשה האָט זיין האַרץ אים געקלאַפּט, ווייל ער האָט דאָך צוגעזאָגט אַז ביז שבת וועט ער זיי שיקן זיין פסק...

מוצאי שבת האָט ער געזען דעם גרויסן נס וואָס האָט דא פאַסירט מיט אים, ווייל דער איד וועמען ער האָט מחייב געווען אין זיין פסק, איז שבת ליידער נפטר געוואָרן. אַזוי אַז אויב יענער וואָלט באַקומען דעם ענטפער פונעם תלמיד חכם פרייטאָג, אַז ער האָט דאָ שאָדן אַ שיינעם סכום געלט, וואָלט דער בורר זיך קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין. ער וואָלט געווען 'זיכער' ביי זיך, אַז ער האָט אַליין גורם געווען אַז יענער זאָל חלילה אַוועקגיין פון צער.

פון די מעשה, לערנען מיר דריי זאַכן: **א)** ווי ווייט עס גרייכט די **השגחה פרטית** פון באַשעפער, און ווי דער אויבערשטער האָט אים איינגעשפּאָרט אַ ווייטאָג פון לאַנגע יאָרן (אויב יענער וואָלט באַקומען זיין תשובה פאַר שבת). **ב)** ווי זיין **גוטע קבלה** האָט אים געראַטעוועט, דאָס וואָס ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט מזלזל זיין דערין

נאָך זיין גאַנצע אַרבעט, איז ער נאָך אַלץ און זיין השפעה<sup>ג</sup>, ער דאַרף אָנקומען צו אָנגעוויזן אויף די חסדים פונעם באַשעפער די ברכה פונעם באַשעפער ער זאָל אים

---

צו טוהן אַ מלאכה נאָך חצות. **ג)** פון דאָ לערנען מיר אויך, אַז דער מענטש טאָר **נישט ווערן איבערגעשראָקן**, 'אוי, איך האב דאָך צוגעזאָגט צו שיקן די תשובה ביז שבת. ווי אַזוי וועל איך עס נישט מקיים זיין...

אַוודאי דאַרף דער מענטש זיך משתדל זיין מער ווי זיינע מעגליכקייטן צו האַלטן וואָרט. אָבער אַז ער האָט געטוהן אַלעס וואָס איז אין זיין מעגליכקייט, טאר ער נישט אַרונטערפאלן אונטער אַ דרוק... **אויב דו האָסט געטוהן אַלעס וואָס איז אין דיין מעגליכקייט, דאַרפסטו זיין רואיג.**

**מן הבאר**

דער 'דברי ישראל' טייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה, בחוקותי (כו, ג-ד) 'אם בחוקותי תלכו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם'. ס'איז אַ כלל גדול ביי די השפעה פון פרנסה, אַז **וואָס מער אמונה דער מענטש האָט אַז די פרנסה ווענדט זיך נישט אין זיינע מעשים און אין זיינע וואונדערליכע כשרונות, נאָר אַלעס איז פון הימל, אַזוי עפענען זיך פאַר אים די טויערן פון פרנסה בהרחבה,** און דער אויבערשטער איז משפיע אויף אים ביד הרחווה והמלאה, אָבער דער מענטש וואָס רעדט זיך איין 'כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', און אַז זיין חכמה האָט אים געהאָלפן פאַרדינען אַסאַך געלט, דערווייטערט חלילה פון זיך די שפע פון פרנסה.

דאָס איז די כוונה פון פסוק, **'אם בחוקותי תלכו'** - 'חוק' איז מרמז אויף פרנסה, [ווי די גמרא זאָגט (ביצה טז.) "חק לישנא דמזוני"]. אויב איר גלייבט אַז די פרנסה איז פון מיר. **'ונתתי גשמיכם בעתם'** - וועל איך אייך געבן רעגן, און איר וועט אייביג האָבן פרנסה.

**ג.** מ'דאַרף וויסן, אַז די הרגשה אַז מ'איז אָנגעוויזן אויפ'ן באַשעפער - 'מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה' - איז דער מקור פון די ברכה. ווען דער מענטש גלייבט און ער שפירט אַז ס'איז נישט דאָ אַ מענטש אויף דער וועלט וואָס קען אים העלפן, טוט דער אויבערשטער אים העלפן פון יעדע צרה.

אַזוי טייטשט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה, בהר (כה, כו), **'ואיש כי לא יהיה לו גואל'** - דער מענטש וואָס ווייסט אַז ער האָט נישט קיין שום 'אויסלייזער' צווישן מענטשן, און ער פאַרלאָזט זיך דעריבער

געבן פרנסה[ד]. אָבער אויב ער שפירט אַז ער איז 'מסודר', און ער דאַרף שוין

---

אינגאַנצן אויפ'ן באַשעפער, קען ער זיין זיכער אַז צום סוף וועט מקוים ווערן ביי אים '**והשיגה ידו ומצא כדי גאולתו**'.

אַזוי שרייבט אויך דער גאון נצי"ב זצ"ל, אין ספר 'העמק 'דבר', אַז **דער פסוק קומט אונז לערנען אַ מוסר השכל, אַז דער מענטש וואָס האָט נישט קיין אויסלייזער איז צום סוף זוכה צו דער ישועה**, ווייל איינער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף אַ צווייטן אַז ער וועט אים העלפן און אויסלייזן פון זיין צרה, נעמט דאָך אַוועק זיין בטחון אין דעם באַשעפער. מה שאין כן אויב ער האָט נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, פאַרלאָזט ער זיך נאָר אויף דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער העלפט פאַר די וואָס פאַרלאָזן זיך אויף אים.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זצ"ל, האט געזאגט אַ כוונה אין דעם מנהג ישראל, אַז איידער אַ חתן גייט אַרויס צו דער חופה, נעמט מען אַרויס פון זיינע טאַשן אַלעס וואָס געפינט זיך דערין. דאָס איז דערפאַר, ווייל מ'וויל אויסלערנען דעם חתן וואָס גייט אַרויס לעבן אויף דער וועלט, ער זאָל זיך מתבונן זיין און גוט אַריינעמען אין האַרץ אַז **ער האָט נישט קיין אייגנס...** ער זאָל נישט טראַכטן חלילה אַז מיט זיין גרויסן כח און מיט זיינע וואונדערליכע כשרונות וועט ער קענען מצליח זיין אין לעבן. נאָר **ער זאָל גוט געדענקען אַז דער מענטש האָט נישט קיין אייגענעם כח, און ער איז אייביג אָנגעוויזן אויף די חסדים פונעם אויבערשטען ברוך הוא**. די דאָזיגע אנערקענונג, איז דער שליסל מצליח צו זיין אין אַלע זיינע וועגן.

**ד.** דער מגיד מישרים הגה"צ רבי שלום שבדרון זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַמאָל ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז פון דעם משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל, האָט ער געזען ווי ער איז זייער בשמחה. האָט רבי שלום געפרעגט רבי יחזקאל'ען, 'לשמחה מה זו עושה'. האָט רבי יחזקאל אים דערציילט, אַז אין די פריערדיגע יאָרן, ווען ער איז געווען דער משגיח פון דער מירער ישיבה אין ליטא, האָט אָפט מאָל געקענט פּאַסירן, אַז צוליב די אָרימקייט און דחקות וואָס האָט דאָרט געהערשט, האָט ער נישט באַקומען זיין קליינעם געהאַלט ענדע חודש. דאַן פלעגט ער זיך שטאַרקן מיט אמונה און פון דעם האָט ער געהאַט פרנסה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים לז ג) 'שכן ארץ ורעה אמונה' - 'איך האָב זיך געשפּייזט מיט אמונה'.

ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל - האָט רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל ווייטער דערציילט פאַר רבי שלום שבדרון - האָט דער פּאָניעוועזשער רב, הגאון רבי יוסף שלמה כהנמאַן זצ"ל, אים אָנגעבאָטן דעם פּאָסטן צו זיין משגיח אין זיין

ניִשט אָנקומען צו סייעתא דשמיא, אַזוי ווי איינער וואָס באָרגט געלט אויף ריבית, וואָס ער פאַרלאָזט זיך אויפ'ן געלט וואָס וועט אַריינקומען פון דעם ריבית, אַזאַ השתדלות איז אסור בתכלית.

**דאָס** דאַרף דינען אַלס אַ לימוד פאַר יעדן איינעם ניִשט צו זאָרגן וועגן פרנסה און דאָס גלייבן, ווייל דער אויבערשטער וויל טוהן גוטס מיט אונז, און ער וועט משפיע זיין אַלע טובות אויף די וועלט. מיר דאַרפן נאָר אויפהייבן אונזערע אויגן צום באַשעפער ית', ווייל אַז דער אויבערשטער וויל נאָר אַז זיינע קינדער זאָלן זיין נאָנט צו אים, און נאָר צוליב דעם מאַכט ער אַז עס זאָל אונז

---

ישיבה אין בני ברק, און ער האָט מיר צוגעזאָגט אַ שיינעם געהאַלט. איך האָב מיך דעמאָלס געוואַקלט צי כ'זאָל אָננעמען דעם אָנבאָט, ווייל מ'רעדט דאָך דאָ פון אַ גוטן געהאַלט, און דעם פּאָניעוועזשע רב פעלט דאָך נישט קיין געלט... איך האָב אָבער מורא געהאַט, וואָס וועט זיין מיט אמונה, ווייל איך האָב געטראַכט אַז **אויב ער וועט מיר באַצאָלן חודש'לעך דעם געהאַלט, וועל איך מער נישט האָבן די זכי' צו האָבן אמת'דיגע אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטען.** יעצט בין איך אָבער פרייליך, ווייל **איך אַרבעט שוין אַכט חדשים אין ישיבה, און דערוויל, באַשטייט מיין גאַנצער געהאַלט פון 'אמונה', אַזוי ווי אין ליטא... דעריבער בין איך אַזוי פרייליך.** פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט פרייען, אַז איך לעב יעצט ווייטער פון אמונה...

די ספרים טייטשן דעם פסוק 'שכן ארץ ורעה אמונה', אַז דוד המלך ע"ה מיינט צו זאָגן, **'שכן ארץ'** - אויך אויב דו 'ליגסט אין דער ערד' ח"ו, 'מיט אַלע פירושים'... בגוף ובנפש, **'ורעה אמונה'** - זאָלסטו זיך נאָך אַלץ שפייזן מיט אמונה.

**ה.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט נאָך די צווייטע וועלט מלחמה, אַמאָל געפרעגט אַ יונגען בחור, אַ זון פון דעם פּיעטריקאָווער רב, הרה"ג רבי משה חיים לאו ז"ל הי"ד, וועלכער האָט אַדורכגעליטן אַלע שוידערליכקייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה, אויב ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן די גאַז אויוועגס און קרעמאַטאָריומס, וואו די דייטשע רשעים ימ"ש האָבן פאַרברענט מיליאָנען אידן, הי"ד.

ווען דער בחור'ל האָט געענטפערט אַז יאָ, ער האָט געזען מיט זיינע אויגן די גאַז אויוועגס. האָט דער גערער רבי אים ווייטער געפרעגט:

**- צי האָסטו געזען אויך דעם אויבערשטען אין יענעם פינצטערן אָרט?!...**

דער 'בית ישראל' האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אויך אינעם גרעסטן הסתר פנים, איז מעגליך צו זען דעם באַשעפער ית"ש. מיט אמת'ע אמונה, זעט מען אויך דאָרט דעם אויבערשטען'ס האַנט, ווייל אויף דער וועלט ווערט קיין שום זאַך נישט געטוהן

פון זיך אַליין. דער אויבערשטער טוט אַלעס, נאָר אונזער שכל איז צו-קליין צו פאַרשטיין די טובה וואָס איז באַהאַלטן אין יעדע זאַך.

דער גאון רבי אליהו מאיר בלאָך זצ"ל, ראש ישיבה פון דער טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד, איז פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע, אָן זיין משפּחה, צוליב אַ מלשינות. ער האָט געמוזט איבערלאָזן זיין בני בית מיט די קינדער אין אייראָפּע, וואו זיי זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם. רבי אלי' מאיר איז געווען דער איינציגער פון דער משפּחה וואָס איז געבליבן לעבן.

ביים מעמד פונעם חנוכת הבית פון די טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד, האָט רבי אליהו מאיר געזאָגט (זע אין ספר 'אהל משה', פ' וירא, ע' שצא, ופ' מסעי, ע' תתקצה, בשם הג"ר מרדכי גיפטער זצ"ל, ראש ישיבת טעלז), אַ טייטש אויף די פּסוקים אין דער הפטרה פון 'מחר חודש' (שמואל א, כ) יהונתן האָט געמאַכט אַ סימן מיט דוד המלך, אויב שאול וויל אים הרג'ענען אָדער נישט. ער האָט געזאָגט, 'ואם כה אומר לעלם, הנה החצים ממך והלאה, **לך כי שלחך ה'**'. לכאורה וואָלט ער געדאַרפט זאָגן '**ברח, כי שאול מבקש להרגך**', אַנטלויף פון דאַנעט, ווייל שאול המלך וויל דיך הרג'ענען?

האָט דער טעלזער ראש ישיבה געזאָגט אַ כוונה אין די פסוקים, אַז פון די פּסוקים האָט ער געלערנט אַ מוסר השכל, אַז ווען אַ מענטש דאַרף אַנטלויפן פון עמיצן, איז עס **נישט דערפאַר ווייל 'כי שאול מבקש להרגך', נאָר 'לך כי שלחך ה'' - ווייל דער אויבערשטער וויל אַז דו זאָלסט זיך געפינען דאָרטן, נישט דאָ**. אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי געהייסן, איז עס פאַר דיין טובה וועגן.

דערמיט האָט ער געמיינט זיך אַליין, אַז זיין אַנטלויפן קיין אַמעריקע איז געווען לטובה, אַלס אַ סיבה מן השמים אַז ער זאָל איבערבלייבן לעבן, דער איינציגער פון זיין משפּחה.

**ו.** הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל זאָגט ('תפארת שמשון', פ' בחוקותי, ע' שכ) אַ וואונדערליכן פּשט אויף דעם וואָס מיר געפינען מערערע מאָל אין דער תורה, אַז דער אויבערשטער טוט פאַרזיכערן אַז ער וועט געבן שכר פאַר'ן קיום המצוות, דייקא מיט **תבואות פון פעלד און אַסאַך שאָף און רינדער**. מיר געפינען נישט אין ערגעץ אַז דער אויבערשטער זאָל צוזאָגן אַז ער וועט צאָלן שכר דורך געבן אַסאַך **גאָלד און זילבער** פאַר דעם מענטש וואָס איז מקיים זיינע מצוות, ווי דער פסוק זאָגט 'אם בחוקותי תלכו וגו', ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו', און אַזוי זאָגט דער פסוק (דברים ז יב-יג) 'והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם וגו', ואהבך וברכך והרבך וברך פרי בטנך ופרי אדמתך דגנך ותירושך ויצהרך שגר אלפיך ועשתרות צאנך'. לכאורה, אויב דער אויבערשטער האָט געוואָלט בענטשן די אידן מיט אַ גרויס רייכטום, פאַרוואָס האָט ער זיי נישט

געבענטשט אַז זיי וועלן האָבן אַסאַך גאָלד און זילבער? 'היד ה' תקצר'?! דער אויבערשטער איז בכח צו געבן רייכטום פאַר דעם מענטש אויף יעדן אופן. [און דאָס איז נישט אַ ברכה אויף אַן אופן וואָס איז העכער פון טבע, ווייל דער אויבערשטער קען אונז בענטשן מ'זאָל טרעפן גאָלד און זילבער ביי זיך אינדערהיים, אונטער דער ערד, אַזוי ווי עס זענען דאָ ערטער אויף דער וועלט וואו מ'גראָבט אויס גאָלד פון דער ערד].

ענטפערט הג"ר שמשון פינקוס ז"ל, אַז ס'איז די נאַטור פון א מענטש, אַז ווען ער האָט אַסאַך גאָלד און זילבער, שפירט ער זיך פאַרזיכערט מיט זיין רייכטום, ווייל גאָלד און זילבער ווערט קיינמאָל נישט קאַליע און פאַרזשוואַרטערט. אויך אויב עס זאָל חלילה אויסברעכן אַ הונגער אינעם לאַנד וואו ער וואוינט, קען ער אַריבערפירן דאָס גאָלד און זילבער צו אַ צווייטן לאַנד וואו עס הערשט נישט אַ הונגער, און דאָרט לעבן ווייטער ווי אַן עושר. **ער וועט נישט שפירן אַז ער דאַרף כסדר אָנקומען צו דער הילף פונעם באַשעפער.** ווען דער מענטש ווערט אָבער געבענטשט פון דעם אויבערשטען מיט אַסאַך פירות און תבואות אין זיינע פעלדער, אָדער מיט אַסאַך שאָף און רינדער, דאַרף ער נאָך אַלץ כסדר אָנקומען צו דער הילף פונעם באַשעפער. ער הייבט אייביג אויף זיינע אויגן צום הימל, אַז זיין רייכטום זאָל נישט קאַליע ווערן. די בהמות זאָלן נישט קראַנק ווערן ח"ו און זיי זאָלן נישט שטאַרבן, עס זאָל קומען אַ רעגן און די תבואות זאָלן גוט וואַקסן. נאָך דעם ווי די תבואות שפּראָצן אויפ'ן פעלד, בעט דער פעלד-אייגנטימער פון דעם אויבערשטען ער זאָל פאַר אים צושטעלן קונים, אַז ער זאָל נישט בלייבן שטעקן מיט זיין סחורה.

זאָגט הרב פינקוס, ווען איינער גיט אַ מתנה פאַר זיין חבר ווייל ער האָט אים ליב, איז דאָך פאַרשטענדליך אַז אַזאַ מתנה דערנענטערט די הערצער פון ביידע, פונעם נותן און דעם מקבל, און נישט פאַרקערט, אַז די מתנה זאָל גורם זיין אַ דערווייטערונג און פירוד לבבות צווישן זיי. דעריבער, ווען דער אויבערשטער צאָלט אַ גוטן שכר פאַר די ערליכע אידן און ער בענטשט זיי מיט זיין ברכה, וויל ער זיי נישט בענטשן מיט גאָלד און זילבער, ווייל דאַן וועלן זיי זיך פאַרלאָזן און פאַרזיכערן אויף זייער פאַרמעגן, און דאָס וועט שאַטן צו זייער מדת הבטחון אין דעם אויבערשטען. אויף אַזאַ אופן וועט אויסקומען, אַז דער שכר וועט גאָר גורם זיין אַז זיי זאָלן דערווייטערט ווערן פונעם באַשעפער. וועגן דעם גיט ער זיי שכר מיט פירות פון בוים און פון פעלד, און מיט שאָף און רינדער, **כדי זיי זאָלן שטענדיג אַרויסקוקן אויף זיין הילף און זיין נאָנט צו אים, ווייל דאָס איז די גרעסטע טובה פאַר דעם מענטש,** אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים עג, כח) 'ואני קרבת אלוקים לי טוב'.

עפּעס פעלן, כדי מיר זאָלן מתפלל זיין צו אים מיט'ן גאנצן האַרץ. ווען דער מענטש אַנערקענט עס, און ער איז מתפלל צו זיין באַשעפער מיט אמונה, טוט דער אויבערשטער ערפילן זיינע באַדערפענישן מיט אַלע סאָרטן ישועות און השפעות טובות.

**אַזוי** זאָגט די גמרא (יומא עו.), אַז די תלמידים פון רבי שמעון בן יוחאי האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס איז נישט אַראָפּגעקומען מן פון הימל פאַר די אידן איינמאָל אַ יאָר. האָט רבי שמעון בן יוחאי זיי געענטפערט מיט אַ משל: אַ קעניג האָט איין זון, און ער האָט אים געגעבן זיין פרנסה איינמאָל אַ יאָר, און ער האָט מער נישט געזען דעם טאַטן נאָר איינמאָל אַ יאָר (ווען ער גיט אים דאָס געלט). האָט דער טאַטע אָנגעהויבן צו געבן פאַר זיין זון געלט יעדן טאָג, נאָר אויף יענעם טאָג, און אַזוי האָט ער געדאַרפט קומען צום טאַטן יעדן טאָג.

**דאָס** זעלבע האָט פּאַסירט מיט די אידן. איינער וואָס האָט געהאַט פיר אָדער פינף קינדער, האָט זיך געזאָרגט אַז אפשר וועט מאָרגן נישט אַראָפּקומען מן פון הימל און אַלע וועלן חלילה שטאַרבן פון הונגער. קומט אויס אַז אַלע אידן האָבן מתפלל געווען צום באַשעפער אַז ער זאָל זיי שפּייזן.

**וכי תאמרו - אַלעמאָל מתפלל זיין צום באשעפער פון האַרצן, אפילו אויף די גאַס**

**אין** דער היינטיגער פרשה, בהר (כה, כ-כא) לייענען מיר: 'וכי תאמרו מה

---

**מן הבאר**

הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין האָט געזאָגט: מיר האָבן זייער ליב ווען אַ יונגערמאַן ווערט געהאָלפן מיט אַ זון אָדער אַ טאָכטער צום יאָר נאָך דער חתונה, ווייל ס'איז דאָך דער סדר העולם, אַז ווען אַ מענטש דאַרף האָבן ברויט אָדער אַן אַנדערע וויכטיגע זאַך אין הויז, גייט ער אַריבער צום שווער אין הויז, צו נעמען פון דאָרט וואָס עס פעלט אים... אָבער ווען ער האָט שוין ב"ה קינדער אין שטוב, לויפט ער שוין נישט אַזוי שנעל צום שווער, ווייל ער איז דאָך שוין נישט אַ 'פרייער פויגל'. ער האָט שוין אַ קינד וואָס איז אָנגעוויזן אויף אים, און ער האָט אַמאָל מורא אַרויסצונעמען דאָס קינד אויף דער גאַס, צוליב די קעלט אָדער היץ. ממילא, האָט ער נישט צו ווענדן זיך צו ווענדן, און דאַן מוז ער אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל און בעטן דעם אויבערשטן, ער זאָל אים אַלעס צושטעלן, און **עס איז נישט דאָ פאַר דעם מענטש אַ בעסערע זאַך ווי צו זיין אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטן.**

נאכל בשנה השביעית, הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו. וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית ועשת את התבואה לשלש השנים'.

ס'איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק ברענגט, אין ספה"ק 'נועם אלימלך', אין נאָמען פון זיין ברודער, דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע פון האַניפּאָלי, אַז לכאורה איז שווער, פאַרוואָס האָט די תורה מאריך געווען צו ברענגען די קשיא וואָס מענטשן וועלן אפשר פרעגן, 'מה נאכל', אַ זאַך וואָס מ'געפינט נישט אין אַן אַנדער אָרט אין דער תורה. דער פסוק וואָלט געדאַרפט זאָגן אין קורצע ווערטער, 'וציוויתי את ברכתי לכם בשנה הששית', און ממילא, איז שוין נישט דאָ אַן אָרט צו פרעגן 'מה נאכל'.

**ענטפערט** הרה"ק רבי משה'לע קאָזשניצער זי"ע, אין ספר 'דעת משה', דער אויבערשטער גליסט צו די תפילות פון אידישע קינדער[ז]. דערפאַר טוט ער אַמאָל נישט צושטעלן פאַר זיי וואָס זיי דאַרפן, נאָר ער טוט צוריקהאַלטן פון זיי די השפעות, צי דאָס איז אין פרנסה, אָדער ער חלילה אַ קראַנקהייט אויף דעם מענטש ל"ע, און ענליכע סיבות. די סיבה דערפון איז ווייל דער אויבערשטער וויל אַז אידן זאלן מתפלל זיין צו אים[ח], און באַלד נאָך

**ז.** דאָס איז אַ 'דבר בעתו' ספּעציעל יעצט, אין חודש אייר, ווי הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע זאָגט (מגן דוד', ר"ח אייר), **אַז די טעג פון חודש אייר זענען מסוגל פאַר קבלת התפילות.** דער טעם דערפון איז, ווייל דער פסוק זאָגט אין פרשת במדבר 'באחד לחודש השני', וואָס דאָס איז געווען ראש חודש אייר. דאַן האָט דער אויבערשטער באַפוילן פאַר משה רבינו ע"ה צו ציילן די אידן און זיי אַוועקשטעלן אונטער די 'דגלים' (פענער), און ס'איז דעמאָלס געווען אַ גרויסע שמחה פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא (עיי"ש).

דאָס איז מרומז אין פסוק (תהלים כ, ו) 'נרננה בישועתך ובשם אלוקינו נדגול ימלא ה' כל משאלותיך'. ווען עס קומט די צייט פון 'ובשם ה' אלוקינו נדגול' - די אידן וועלן זוכה זיין צו די 'דגלים' - יעדעס יאָר ווען עס קומט די צייט דערפון, טוט דער אויבערשטער ערפילן אַלע באַדערפענישן פון די אידן, און זיי זענען זוכה צו אַ השפעה פון רחמים פשוטים פון דעם מקור פון שם הוי' ברוך הוא.

**ח.** דער גאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל האָט נאָכגעזאָגט אַז יעדעס מאָל ווען עמיצער האָט מזכיר געווען ביים גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל וועגן אַ צרה אָדער אַ נייע גזירה ה"י, פלעגט דער 'חזון איש' זאָגן: **נו, דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאל מתפלל זיין דערויף.** (געברענגט אין ספר 'מעשה איש', ח"א, קנב)

דעם ווי זיי זענען מתפלל, ענטפערט זיי דער אויבערשטער און ער ערפילט זייער בקשה[ט]. דאָס איז די כוונה אינעם פסוק. ס'איז בכלל נישט קיין שאלה און תשובה, אַ קשיא און אַ תירוץ, נאָר דער פסוק

---

**ט.** מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם בעל העובדא: אין די טעג פאַר פסח פאריאָר תשפ"ה, האָט זיין זון אים געזאָגט אַז ער האָט חשק צו באַקומען אַ זילבערנעם בעכער און עס נוצן פסח ביינאַכט ביים סדר. האָט דער טאַטע אים געענטפערט: דו לערנסט דאָך אין 'ישיבת בין הזמנים', און איך האָב געזען אַז זיי מאכן יעדן טאָג א גורל אויף טייערע מתנות כדי צו מחזיק זיין דאָס לערנען ביי די בחורים, להגדיל תורה ולהאדירה, און איין טאָג וועט אויך פאַרקומען אַ גורל אויף אַ בעכער. שטעל זיך אוועק און זיי מתפלל צום באַשעפער אַז דו זאָלסט געווינען אינעם גורל.

דערביי האָט דער טאטע דערציילט פאַר דעם בחור אַ מעשה וואָס איז געווען געדרוקט אין 'באר הפרשה', אַז אין איינעם פון די 'כוללים' וואָס שטייען אונטער הגאון רי"א גאָלדהירש שליט"א, האָט מען אין די טעג פון חנוכה געוואָלט שטאַרקן דעם ענין פון שמירת הזמנים, האָט מען דעריבער געמאלדן אַז יעדן טאָג וועט פאַרקומען אַ גורל אויף הונדערט דאָלאַר, און אין דעם גורל וועלן אריינגיין די יונגעלייט וואָס קומען פריער ווי 9:30 אינדערפרי. אַלזאָ, אַ געוויסער יונגערמאן מיטן נאָמען ר' מאיר האָט געוואונען די גורל דריי טעג נאָכאַנאַנד. האָבן אַלע זיך געוואונדערט, און טייל האָבן אַפילו געטומלט, ווי אַזוי איז מעגליך אַז איין מענטש זאָל געווינען אַ גורל דריי טעג איינס נאָכן אַנדערן? ווער ווייסט צי ער האָט נישט געמאַכט עפּעס אַ 'שטיקל' - אַ זאַך וואָס איז נישט כהוגן, חלילה...

ווען איינער האט אים אפען געפרעגט, האט ר' מאיר זיך אנגערופן צו די אַנדערע יונגעלייט אין כולל, 'צו האָט איינער פון אייך מתפלל געווען צום באַשעפער אַז ער זאָל געווינען אין דעם גורל?... איך האב מתפלל געווען צום אויבערשטן, און צוליב דעם האָב איך געוווינען דעם גורל'.

די ווערטער פונעם טאַטן האָבן גוט אַריינגעדרינגען אין האַרץ פון דעם בחור, און ער האָט מתפלל געווען צום באַשעפער אַז ער וויל האָבן אַ בעכער. זיינע תפילות זענען געהערט געוואָרן אין הימל, און ער האָט טאַקע געוואונען דעם בעכער אינעם גורל...

אין צוגאָב צו דעם עצם לימוד וואָס מיר לערנען דאָ, אַז **מ'דאַרף בעטן דעם באַשעפער אַזוי ווי אַ קינד וואָס בעט זיך ביי זיין טאַטן ער זאָל אים נאָכגעבן זיין פאַרלאַנג**, איז דאָ נאָך אַ וואונדערליכער מוסר השכל אין דער דערמאַנטער מעשה: יעדער איינער פון אונז וויל דאָך ערציען זיינע קינדער מתפלל צו זיין צו דעם

זאָגט 'זכי תאמרו מה נאכל' - דאָס מיינט, ווען איר וועט זאָגן און איר וועט בעטן און מתפלל זיין צו האָבן פרנסה, וועט באַלד מקוים ווערן 'עוד הם מדברים ואני אשמע'. דער אויבערשטער וועט געבן זיין ברכה פאַר אידישע קינדער, 'וצויתי את ברכתי לכם', מיט אַלעם גוטן.

**דער** אויבערשטער גליסט צו די תפילות פון אידישע קינדער, און ער בעט פון זיי 'השמיעני את קולך, כי קולך ערב' (שה"ש ב, יד), ווייל דער אויבערשטער וויל האָבן אַ קשר מיט אידישע קינדער, זיי זאָלן וויסן אַז דער אויבערשטער איז דער באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט, און ביי יעדע געלעגנהייט, זאָלן זיי מתפלל זיין צו אים, או אזוי וועלן זיי שפירן אַז זיי זענען אָנגעוויזן אויפן חסד פונעם באַשעפער, און אַליין קען דער מענטש גאָרנישט ערלעדיגן. דער מענטש קען נישט לעבן אָן די שטענדיגע הילף פונעם באַשעפער[יא].

**צדיקים** אין אַלע דורות האָבן געזאָגט, אַז דער מענטש טאָר זיך נישט באַגעניגענען מיט די דריי תפילות וואָס

---

אויבערשטן, און זיך ווענדן צו אים ביי יעדע געלעגנהייט. דער גלייכסטער וועג דערפאַר איז דורך סיפורי צדיקים, אָבער דאָס מוז נישט זיין דווקא סיפורים פון די **פריערדיגע צדיקים**, נאָר אַפילו אַזעלכע **'גדולים וצדיקים' ווי מיר זענען**... ווייל אַזעלכע מעשיות גייען מער אַריין אין האַרץ, און טוען-אויף אַ גוטע פעולה.

**י.** מ'דערציילט אַז אַ איד וואָס איז ליידער נישט געווען אַ שומר תורה ומצוות, איז אַמאָל אַריינגעקומען אין דער ישיבה פון כפר חסידים, ווען די בחורים פון ישיבה זענען געשטאַנען און געדאַוונט. ווען מ'האָט אים שפּעטער געפרעגט וואָס ער האָט געזען אין ישיבה, האָט דער איד געענטפערט, איך האב געזען בחורים שאָקלען זיך אַהין און אַהער, און מאַכן באַוועגונגען מיט'ן קערפּער... איך האָב אָבער געקוקט אויף דעם 'אַלטיטשקן' וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן - דער משגיח פון דער ישיבה, הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל - און ער האָט אויסגעזען ווי **איינער וואָס רעדט מיט עמיצן**. אָט אַזוי דאַרף אויסזען דאָס דאַווענען פון אַ איד!

**יא.** דער סלאָנימער רבי הרה"ק בעל ברכת אברהם זצ"ל, האָט אַמאָל נאָכ'ן צינדן חנוכה-לעכט, ביים זאָגן דעם קאַפּיטל 'יושב בסתר' (תהלים צ"א) זיך צעשריגן: **'יקראני ואענהו'. דוד המלך ע"ה אַנטפּלעקט אונז דאָ אַ סוד, אַז דער אויבערשטער שטייט און רופט אויס: 'יקראני ואענהו' - רופט צו מיר, און איך וועל אייך ענטפערן. נאָר פאַרוואָס ענטפערט ער אָבער נישט? ווייל מ'רופט אים נישט...**

די כוונה איז, אַז דער מענטש איז בכלל נישט מתפלל, נאָר אַפילו אויב ער איז יא מתפלל, איז עס נישט מיט די אנערקענונג און מיט'ן געפיל אַז **נאָר** דורך זיין

די 'אנשי כנסת הגדולה' האָבן מתקן אין שריט וואו דער מענטש גייט, דאַרף געווען צו דאַווענען יעדן טאָג, שחרית, ער אייביג מתפלל זיין צום באַשעפער מנחה און מעריב. נאָר ביי יעדן טריט ער זאָל אים העלפן[ב], ער זאָל האָבן

---

תפילה וועט ער געהאָלפן ווערן, פונקט אַזוי ווי איינער וואָס בעט אַ טובה פון זיין חבר, און ער ווייסט אַז נאָר זיין חבר קען אים העלפן.

הרה"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל איז אַמאָל געפאָרן צום ים פאַר זיין געזונט. ווען ער איז אַריין אין ים, איז ער אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין די טיפענישן פונעם ים, גאָר ווייט פונעם ברעג. בחסדי השי"ת, איז דער רבי געראַטעוועט געוואָרן פון דער סכנה בדרך נס.

שפּעטער האָט דער 'תולדות אהרן' רבי זצ"ל דערציילט די מעשה פאַר זיין אייניקל, הרה"ג רבי אשר אנשיל הכהן כ"ץ שליט"א, און ער האָט אים דערביי געפרעגט: 'וואָס מיינסטו, האב איך געטוהן אונטער'ן וואַסער? דו גלייבסט מסתמא אַז איך האָב געזאָגט ווידוי און געשריגן 'שמע ישראל'... ניין! איך האָב נישט געזאָגט ווידוי, **נאָר איך האָב געשריגן מיט אַלע כוחות, 'טאַטע, נאָר דו קענסט מיר העלפן, העלף מיר!'** דאַן איז געקומען אַ כוואַליע פון ווינטן און מיך 'אויסגעשפּיגן' צום ברעג ים' (געברענגט אין ספר 'זכור לאברהם').

**יב.** הרה"צ החסיד המפואר רבי יהודה לייב קאַסטעלאַניץ זצ"ל (פאָטער פון הרה"ק רבי מאָטל סלאָנימער זצ"ל) איז אַמאָל געפאָרן פון טבריא קיין סלאָנים, צו הרה"ק בעל "דברי שמואל" זצ"ל. צוריקפאָרנדיג מיט דער באַן פון סלאָנים קיין אָדעס (וואו ער איז אַרויפגעשטיגן אויף דער שיף צו פאָרן קיין ארץ ישראל) איז איינע פון די 'חוליות' אין זיין חוט השדרה, אַרויסגעפאַלן פון אָרט, און ער האָט געהאַט דערפון גרויסע יסורים רח"ל.

זיצנדיג אַזוי מיט יסורים איז צוגעקומען צו אים אַ איד, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ חשוב'ער איד, און געפרעגט וואָס עס טוט אים וויי. האָט רבי יהודה לייב אים דערציילט אַז ער ליידט יסורים ווייל אַ חוליא איז אַרויסגעפאַלן פון פּלאַץ. האָט יענער איד אים געזאָגט:

- דעם פסוק 'הוא יקראני אבי אתה, א-לי וצור ישועתי'. האָבן צדיקים געטייטשט, **אַז אַפילו אין ערגסטן מצב רח"ל, אויב אַ איד שרייט צום באַשעפער, 'אבי אתה - טאַטעניו, העלף!' - איז 'א-לי וצור ישועתי' - טוט דער רבונו של עולם צואיילן זיין ישועה.**

הערנדיג די ווערטער, האָט רבי יהודה לייב סלאָנים אָנגעהויבן שרייען: טאַטעניו, העלף! און די יסורים האָבן תיכף ומיד זיך אָפּגעשטעלט.

סייעתא דשמיא מיט הצלחה אין אַלעם וואָס ער טוט״ג.

די גמרא אין ברכות (כח:) זאגט אז רבי נחוניא בן הקנה ער האט מתפלל

---

אַרויפקומענדיג אויף די שיף קיין ארץ ישראל, האָט ער זיך איינגע'חזר'ט די ווערטער וואָס ער האָט געהערט פון דעם דערמאנטן איד, אַז אויב אַ איד שרייט אויס 'אבי אתה - טאַטעניו, העלף!' - ווערט מקוים ביי אים, 'א-לי וצור ישועתי' - דער רבונו של עולם איילט-צו זיין ישועה. שטייענדיג אַזוי און חזר'נדיג די ווערטער, איז צוגעקומען צו אים אַן אַראַבער, און ער האָט אים געהאָלפן אַרויפטראָגן זיין רענצל... אויך דער וועג איז דורכגעגאַנגען בשלום, די שיף האָט זיך נישט געוואָרפן אויפ'ן ים.

ווען רבי יהודה לייב איז אָנגעקומען מיט דער שיף ביים פּאָרט אין חיפה, האָט ער באַלד געטראָפן אַ וואָגן צו פאָרן קיין טבריא, אַ זאַך וואָס האָט קיינמאָל פריער נישט פּאַסירט מיט אים - **אַלעס דערפאַר, ווייל ער האָט געשריגן 'טאַטעניו, העלף! - א-לי וצור ישועתי'.**

די דערמאנטע מעשה פון רבי יהודה לייב קאַסטעלאַניץ, האָבן מיר אַמאָל דערציילט ברבים, און אַ צייט שפּעטער, האָט אַ יונגערמאַן וואָס קומט אַריין דאָ צום שיעור, אונז דערציילט, אַז ער איז געווען מיט זיין קינד ביים דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר גענומען פאַרשידענע טעסטן און דערנאָך אים געזאָגט אַז דאָס קינד ליידט פון אַ ערנסטע מחלה רח"ל. זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז דער יונגערמאַן און זיינע בני בית זענען אריינגעפאלן אין א פאניק און האָבן געהאַט גאָר אַסאַך צער און עגמת נפש ל"ע, אָבער הערנדיג די מעשה וואָס מיר האָבן דערציילט פון רבי יהודה לייב סלאָנים, האָט ער געטוהן דאָס זעלבע, און געשריגן 'אבי אתה' - 'טאַטעניו, העלף!' און ביי די קומענדיגע טעסטן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַז ער ווייסט נישט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, אָבער די איצטיגע אונטערזוכונגען ווייזן, אַז דאָס קינד איז, ב"ה, געזונט און פריש...

**יג.** דער נביא ישעיה זאָגט (מד, ו) 'כה אמר ה' מלך ישראל וגואלו ה' צבקות, אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים'.

זאָגט הרה"ק רבי בעריש ביאַלער זי"ע אַ כוונה אינעם פסוק, ס'איז דאָ אַ מענטש ביי וועמען דער אויבערשטער איז אין דער בחינה פון **'אני ראשון'** - באַלד ביים אָנהייב פון דער זאַך, פאַרשטייט ער אַז ער אַליין קען גאָרנישט טוהן אָן דער הילף פונעם אויבערשטען. ממילא ווענדט ער זיך צום באַשעפער און ער בעט הילף פון אויבן. דאַקעגן איז דא אַן אַנדערער וואָס איז 'קלוג', און און ער רעדט זיך איין אַז ער איז אַ מוצלח. ער איז ביי זיך 'זיכער' אַז ער קען זיך אַליין אַן עצה געבן... צום

געווען ווען ער איז אריינגעקומען און ארויסגעקומען פון בית המדרש. זאגט דער 'מאירי', אַז די גמרא וויל אונז לערנען אַז דער מענטש דאַרף אייביג מחדש זיין אַ נייע תפילה אויף יעדע זאַך וואָס ער זעט אַז ער דאַרף אָנקומען צו די הילף פון באַשעפער. דאַן וועט ער שטענדיג טראַכטן פון עבודת השם. אויף דעם האָט רבי נחוניא בן הקנה געבעטן ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין שול, עס זאָל נישט אַרויסקומען אַ מכשל דורך זיין הוראה, און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שול האָט ער געדאַנקט דעם אויבערשטען פאַר דעם וואָס ער האָט אים געגעבן אַ חלק מיט די תלמידי חכמים.

**דאָס** מיינט, אַז ביי יעדן ענין וואָס ער זעט אַז ער דאַרף אָנקומען צו דער הילף פון דעם אויבערשטען, זאָל ער

---

סוף זעט ער אָבער, אַז אָן דער הילף פונעם באַשעפער קען ער גאָרנישט אויפטוהן. דעמאָלס טוט ער זיך 'דערמאנען' צו זיך ווענדן צו דעם אויבערשטען. ביי אַזאַ איינעם איז דער באַשעפער אין דער בחינה פון '**אני אחרון**'. אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער, וויסן זאלסטו אז '**ומבלעדי אין אלוקים**'. אויסער מיר, איז נישט דאָ קיין אַנדערער כח אויף דער וועלט. ממילא, איז דאָך שוין בעסער אַז דו זאָלסט באַלד לכתחילה קומען צו מיר...

דער 'חפץ חיים' זי"ע שרייבט ('ליקוטי אמרים', פ"י), וועגן דעם חיוב פון תפילה אין יעדער צייט: דער מענטש זאל זיך נישט באַגעניגענען מיט דעם וואָס ער דאַוונט 'שמונה עשרה' דריי מאל אַ טאג, נאָר **אַסאַך מאָל אין טאָג דאַרף ער מתפלל זיין און בעטן דעם באַשעפער פון טיפן האַרצן ווען ער געפינט זיך אינדערהיים**, ווייל די דריי תפילות זענען דאָך שוין געווארן 'שגורות בפיו', און מ'לייגט נישט צו אַזוי פיל האַרץ דערצו. מה שאין כן ווען אַ מענטש איז זיך מתבונן בינו לבין עצמו, און ער מאַכט אַ חשבון הנפש איבער זיין מצב, וועגן זיין אָרימקייט און פילע טירדות און פראָבלעמען, און מער פון אַלעם אַז ער פאַרדינט קוים אויף ברויט און וואַסער, וועט ער זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַרן באַשעפער. **און אַזאַ תפילה וואָס קומט מיט אַ צובראָכן האַרץ, מיט אַ טיפע כוונה און אַ צובראָכן האַרץ, ווערט זיכער געענטפערט ווערן**, עכ"ל.

מיר האבן שוין געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אין דעם אַ גרויס ענין, אַז דער מענטש זאָל נעמען אויף זיך מיט אַ גוטע קבלה צו היטן די דאָזיגע גוטע הנהגה, **כאָטש איינמאָל יעדן טאָג אין משך פון עטליכע מינוט, ער זאָל מתפלל זיין צום באַשעפער אויף אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן**, און ער וועט פועל'ן פאַר זיך אַ געוואַלדיגע קירבת השם, און אַלע זיינע פאַרלאַנגען וועלן ערפילט ווערן.

מתפלל זיין אַ ספּעציעלע תפילה אויף דעם ענין, און ער וועט געהאָלפן ווערן.

די גמרא זאָגט (ברכות כא.) 'ולוואי שיתפלל אדם כל היום כולו'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, אויב דער מענטש וועט אַ גאַנצן טאָג דאַווענען, 'תורה מתי תהא עליה?' ווען וועט ער דאַווענען, און ווען וועט ער אַרבעטן?

ענטפערט דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל (אין ספר 'בניהו', ברכות ו: ד"ה 'כל'), אַז דאָ רעדט מען נישט וועגן אַ תפילה מיט'ן מויל, נאָר וועגן אַ תפילה פון טיפן האַרצן. דאָס מיינט, דער מענטש זאָל אייביג געדענקען אַז ער האָט נישט קיין אייגענע כוחות, נאָר דער אויבערשטער גיט אים דעם כח צו פאַרדינען געלט. אָן דער הילף פון דעם באַשעפער קען דער מענטש גאָרנישט טוהן. ממילא, דאַרף דער מענטש יעדע רגע מתפלל זיין אין האַרץ צום באַשעפער, ער זאָל אים געבן כח און סייעתא דשמיא צו פאַרדינען און צו האָבן הצלחה אין זיינע געשעפטן. אויף דעם זאָגן חז"ל, הלוואי זאָל דער מענטש דאַווענען אַ גאַנצן טאָג. דאָס מיינט, ער זאָל מתפלל זיין אין האַרץ און האָפן צו דעם באַשעפער, אַז ער זאָל אים העלפן און משפיע זיין אויף אים די טובה און די ברכה.

דער 'בן איש חי' פירט אויס, אַז ער האָט געזאָגט אַ רמז אויף דעם אַז דער מענטש דאַרף אייביג מתפלל זיין ביי זיך אין האַרץ, ווייל דער 'מילוי' פון וואָרט 'אדם' - אל"ף דל"ת מ"ם, איז די אותיות 'מתפלל'. דאָס איז אַ רמז אַז דער מענטש דאַרף אייביג מתפלל זיין צום באַשעפער, און דער 'מילוי' פון וואָרט 'לב' איז למ"ד בי"ת, וואָס האָט די אותיות 'תמיד'. דאָס איז אַ רמז, אַז תפילה וואָס דאַרף זיין פון האַרץ, איז אַ שטענדיגע זאַך, עס גייט-אָן יעדע רגע, בייטאָג און ביי נאַכט[יד], עכ"ל.

---

**יד.** דער הייליגער צאַנזער רב, בעל 'דברי חיים' זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים ק"ב, א') "תפלה לעני כי יעטף ולפני ה' ישפך שיחו", יעדעס מאָל ווען אַ איד קומט זיך אויסגיסן דאָס האַרץ מיט אַ תפילה פאַרן באַשעפער ברוך הוא, טוט דער יצר הרע אים אַריינגעבן אין מח פאַרשידענע מחשבות זרות, א.ד.ג, כדי אים צו שטערן פון דאַווענען ווי געהעריג. איז די עצה דערצו, **'תפלה לעני כי יעטוף'** - ער זאל 'איינהילן' זיין תפילה. **'ולפני ה' ישפוך שיחו'** - די תפלה זאָל ווערן איינגעהילט אין אַ 'שמועס', ווען ער רעדט וועגן מילי דעלמא. דאָס הייסט, ווען ער גייט ארום אָדער ווען ער לייגט זיך, זאָל ער מתפלל זיין אין האַרץ צום באַשעפער, און דאַן וועט קיינער אים נישט שטערן.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, שנשמע ונתבשר בשורות טובות ישועות ונחמות, און מיר זאָלן זוכה זיין צו שעפּן פולע הויפענס מיט נחת דקדושה פון אונזערע קינדער און אייניקלעך בעהי"ת בניקל ובריווח, און עס זאָל מקוים ווערן ביי אונז 'בשובה ונחת תושעון', במהרה בימינו, אמן.

---

דאָס איז מרומז אין וואָרט **תפלה 'לעני'**. 'לעני' ראשי תיבות **נ**'תיב **ל**'א **י**'דעו **ע**'יט (איוב כח, ז), וואָס דער תרגום טייטשט 'דלא חכמי ס-מ-א-ל'. דאָס מיינט, ער זאָל בעטן אַ תפילה וואָס דער ס"ם וועט נישט וויסן דערפון. **'כי יעטוף'** ער זאָל 'איינהילן' די תפילה אין זיין סדר היום, אין דעם **'שיחו'**, וואָס ער רעדט מיט אַ צווייטן. דאָרט זאָל ער מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, און זיין תפילה וועט האבן די נויטיגע **פעולה**. (ספר 'ערוגת הבושם', פ' תרומה, דף ר"י)

## מן הבאר

עס ווערט געברענגט אין ספר 'בית יעקב' (פון הגה"צ רבי יעקב אהרן יאַנאָווסקי זצ"ל, אב"ד אלכסנדר, פ' ויצא) אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אַן עצה פאַר יעדן איד, עס זאָל אים קיינמאָל גאָרנישט פעלן, און ער זאָל זיין אייביג דבוק אין עבודת השם, איז אַז ער זאָל זיך צוגעוואוינען צו בעטן פון באַשעפער אויף יעדע זאַך, פון גרויס ביז קליין. ער זאָל נישט טראַכטן אַז פאַר דעם דאַרף מען האָבן התבודדות, מיט טלית און תפילין, נאָר **איבעראל וואו ער שטייט, אפילו אויף דער גאַס, זאָל ער זען אויב דאָס אָרט איז ריין, זאָל ער דאָרט מתפלל זיין צום באַשעפער**, וועלכער וועט, אַלס 'שומע תפלת כל פה', אַוודאי ערפילן זיין פאַרלאַנג.

אַזוי שרייבט הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע, אין זיין ספר 'מגיד תעלומה' (ברכות ל:), אויף די ווערטער פון דער משנה, 'אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש', אַז דאָ רעדט דער תנא וועגן תפילת שמונה עשרה. **אָבער די תפלה וואָס דער מענטש איז מתפלל אין יעדער צייט ווען ער דאַרף עפּעס פונעם באַשעפער, דאַרף ער נישט מאַכן דערצו אַ הכנה. אדרבה**, עס שטייט דאָך, 'כה' אלוקינו בכל קראינו אליו'. און דאָס איז די גרויסע אמונה וואָס מ'פאָדערט פון יעדן איד, אַז אויף יעדע זאַך וואָס פאַסירט מיט אים, זאָל ער בעטן דעם אויבערשטן.

דאָס קומט דורך אמונה, ווען דער מענטש גלייבט אַז קיין שום זאַך אויף דער וועלט איז נישט אַ צופאַל, אַלעס איז מיט אַ וואונדערליכע השגחה עליונה. אַזאַ תפלה העלפט איבערצודרייען און בטל מאַכן די גזירה צום גוטן, ע"כ.

# אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים

מיר האָבן געהערט אַ מעשה וועגן אַ איד, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט אין 'שוק מחנה יהודה' אין ירושלים. דאָס געשעפט איז גוט געגאַנגען ב"ה, און דער איד האָט דאָרט שטאַרק מצליח געווען. און כאָטש דער 'רענט' איז געווען טייער, ווייל ס'איז דאָ אַ גרויסער פאַרלאַנג פאַר געשעפטן אין 'שוק מחנה יהודה', אָבער פון דער אַנדערע זייט, זענען די פאַרדינסטן געווען גאָר שיין. אין אַ טאָג האָט איינער געעפענט אַן ענליכן געשעפט אַנטקעגן איבער זיין געשעפט, און ער האָט באַלד אָנגעהויבן שפּירן אַז דער איינקונפט איז געוואָרן ווייניגער, און ווען אין די זעלבע צייט איז דער 'רענט' געבליבן שטארק טייער. אַלזאָ, ביז אַ פּאָר חדשים האָט ער געשפּירט אַז די הוצאות זענען שוין גרעסער ווי די הכנסות, און עס האָט אים געדראָט צו גיין באַנקראָט ח"ו.

איז דער איד געגאַנגען צו זיין רבי'ן און אים דערציילט וועגן דעם אומגליק וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. האָט דער רבי אים באַרואיגט און מחזיק געווען מיט חיזוק און אמונה, דו ווייסט דאָך אַז דער מענטש קען נישט אָנרירן אַ זאַך וואָס געהערט צו זיין חבר, ווי חז"ל זאָגן (יומא לח.) 'אין אדם נוגע במוכן לחבירו אפילו כמלא נימא'. די פּרנסה פונעם מענטש איז באַשטימט פון הימל, און אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז פאַר די טובה פונעם מענטש. ממילא, איז דיין 'קאָנקורענט' גאָרנישט שולדיג. ס'איז פון דעם אויבערשטען, און מ'דאַרף גלייבן אַז אַלעס איז לטובה.

האָט דער איד געפרעגט זיין רבי'ן, 'תכלית, וואָס זאָל איך טוהן'... האָט דער רבי אים געהייסן פארמאכן דאָס געשעפט, און עס עפענען ערגעץ אַנדערש, וואו עס איז נישט דאָ אַזאַ קאָנקורענץ. ער זאָל טרעפן אַן אָרט וואו דער 'רענט' איז ביליגער, און כאָטש ס'איז מעגליך אַז דאָרט וועט ער פאַרדינען ווייניגער, אָבער צום לעבן וועט ער פאַרדינען, און **מ'דאַרף אַלעס אָננעמען מיט ליבשאַפט.** דער איד האָט געפאָלגט, און כאָטש ס'איז אים געווען שווער, ווייל ער האָט שוין געהאַט דאָס געשעפט אין 'מחנה יהודה' אַסאַך יאָרן, אָבער ער האָט געטוהן זיינס, און געעפענט אַ געשעפט נאָנט צו דער מאה שערים געגענט אין ירושלים.

העכער זיין נייעם געשעפט נעבן 'מאה שערים', האָט געוואוינט אַן עלטערער איד וואָס איז געווען עלענד און איינזאַם, איינער אַליין אויף

דער וועלט. מיט דער צייט, האָט דער אָרימער עלטערער איד צוביסלעך אָנגעהויבן אַריינקומען אינעם געשעפט, און איז געוואָרן היימיש מיט'ן נייעם אייגנטימער פונעם געשעפט, וועלכער האָט רחמנות געהאַט אויף דעם אַלטן אָרימאַן, און האָט אים אפילו געגעבן אַסאַך סחורה אומזיסט, אָן אָפּצאָל. דער זקן האָט זייער הנאה געהאַט אַז ס'איז כאָטש דאָ איין מענטש אויף דער וועלט וואָס קוקט זיך אום אויף אים, און מיט דער צייט האָט ער אים אָנגעהויבן בעטן פאַרשידענע טובות, ווי צ.ב.ש. ער זאָל אים ארויף טראָגן דאָס פעקל, און אַזוי ווייטער.

איין טאָג, האָט דער אלטיטשקער אים געפרעגט אויב ער קען אים שענקען אַ שעה פון זיין צייט, ווייל ער דאַרף איבעררעדן מיט אים אַ וויכטיגע זאַך. און כאָטש דער אייגענטימער פונעם געשעפט האָט נישט געהאַט קיין כח דערצו, ווייל ער איז געווען פאַרמאַטערט נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט ער אָבער פאַרשלאָסן צו טוהן דעם חסד מיט דעם זקן, און ער איז אַרויפגעקומען צו אים אין הויז.

דער עלטערער איד האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, דערציילנדיג פאַר אים זיין גאַנצע לעבנס-געשיכטע, און ווי אַזוי ס'איז געקומען דערצו אַז ער וואוינט דאָ אַליין. דער אייגנטימער פון געשעפט האָט אומגעדולדיג אויסגעהערט אַלעס וואָס דער אַלטער איד האָט געהאַט צו זאָגן... צום סוף פון די שמועס, האָט דער אַלטיטשקער אים אַנטפּלעקט אַ סוד, אַז לעצטעס איז געשטאָרבן זיינס אַ פעטער (וועלכער האָט אויך נישט געהאַט אַ משפחה) און ער האָט איבערגעלאָזט פאַר אים אַ ירושה פון פינף מיליאָן דאָלאַר... און וויבאַלד ער האָט נישט פאַר וועמען איבערצולאָזן דאָס געלט, האָט ער געטראַכט ביי זיך, דו ביזט דער איינציגער וואָס גיט זיך אָפּ מיט מיר שוין אַזוי פיל יאָרן, און איך וויל דיר אַוועקשענקען דאָס גאַנצע געלט! אבער איין זאַך בעט איך פון דיר, אַז נאָך מיינע 120 יאָר, זאָלסטו ביישטייערן פונעם געלט פאַר אַ תלמוד תורה אָדער אַ ישיבה לעילוי נשמתי...

פון די מעשה לערנען מיר, אַז **א מענטש טאָר נישט זיין קורצזיכטיג.** אויבנאויף, האָט עס אויסגעזען ווי ס'איז אים אונטערגעקומען אַן ערנסטער 'קאָנקורענט', וואָס איז אים נאָר גורם אַ שאָדן, אָבער אין דעם איז באמת געווען באַהאַלטן די טובה און די ישועה פאַר אים, און דער אויבערשטער

האָט אים 'אָנגעכאַפּט', קעגן זיין אייגענעם ווילן, און אים געפירט צום אָרט וואו ס'איז געלעגן באַהאַלטן זיין רייכטום.

דאָס איז נוגע צו יעדן ענין, ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז די טיר איז פאַרמאַכט פאַר אים, צי עס האַנדלט זיך וועגן שידוכים, און אַזוי ביי נחת אָדער אַנדערע זאַכן, דאַרף מען געדענקען אַז **די יעצט-פאַרמאַכטע טיר איז נאָר כדי צו עפענען פאַר אים שפּעטער גרויסע טירן מיט אַ גרויסע הרחבה אויף אַן אַנדערן אָרט.** דער מענטש דאַרף נאָר האַלטן זיך פעסט ביי דער אמונה ווען עס קומט אונטער אַ נסיון, אָנצונעמען מיט ליבשאַפט דעם אויבערשטען'ס וועגן, און אַזאַ אמונה עפענט אַלע אַנדערע טויערן.

דאָס קען מען לערנען פון מעשים בכל יום, צום ביישפּיל, ווען מ'הייבט אָן בויען אַ נייעם בנין, טוט מען צוערשט אַוועקשטעלן מחיצות און צוימען אַז מענטשן זאָלן דאָרט נישט קענען אַריינקומען. דער פשוט'ער דורכגייער אויפ'ן גאַס, וואָס זעט פאַר זיך אַן אויפגעשטעלטע צוים, אויב ער איז נאַריש, זעט ער נאָר אַ 'וואַנט', און ער רעדט זיך אַפילו אָפּ דערויף אַז מ'לאָזט אים נישט אַדורכגיין דאָרטן... אָבער דער וואָס האָט אַביסל שכל, זעט דאָך און פאַרשטייט אַז דאָ גייט מען באַלד אָנהייבן בויען אַ נייעם בנין... דאָס זעלבע, ווען דער מענטש האָט שכל, פאַרשטייט ער אַז **יעדע 'מחיצה' איז אַ סימן אויף אַ גוטן בנין** וואָס וועט דאָ נאָך אונטערקומען, און **יעדע 'רעה' איז אַ הכנה צו די טובה וואָס דאַרף קומען.**

נאָך מער: דער וואָס וויל בויען אויף אַן אופן אַז מ'זאָל נישט זען וואָס מ'בויט, שטעלט ער אויף **גאָר אַ הויכע וואַנט** (מ'זאָל נישט קענען אַריינזען וואָס עס קומט פאָר אינעווייניג...), און וואָס גרעסער דער בנין וועט זיין, אַזוי בויט ער אַ גרעסערע צוים, צו 'פאַרשטעלן' דאָס בויען... קומט אויס, אַז **וואָס העכער די צוים איז, און וואָס דיקער און שווערער ס'איז דער 'הסתר', אַזוי וועט דער 'בנין' זיין גאָר הויך.** לויט ווי גרויס די 'צרה' איז אַזוי גרויס וועט זיין די טובה וואָס וועט קומען שפּעטער (געברענגט אין ספר 'בינה להבין', ע' קמט).